ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ט"ו תמוז תשס"ה

טייערע קינדער שלוחים,

אמאל איז געווען א קעניג וואס האט געהאט איין זון. ער האט זיין זון געגעבן אלס וואס ער האט נאר געוואלט, און זיי האבן געלעבט צוזאמען אין פאלאץ. איינמאל האט דער טאטע געוואלט אויספרואוון זיין זון, האט ער אים געשיקט אויף א וויטן פלאץ צו זען אויב אויך דארט וועט ער קענען זיין א גוטער זון. ער האט אויך געוואלט אז זיין זון זאל לערנען פאר די מענטשן פון דעם וויטן שטאט וועגן דער קעניג און זיין קעניגרייך.

קינדער, מיר זיינען דער <u>זון</u> און דער אויבערשטער איז דער <u>קעניג</u>. מיר האבן אויך געלעבט אין דעם קעניג'ס פאלאץ – די שיינע בית המקדש אין ירושלים. דער אויבערשטער האט אונז אבער געשיקט אין גלות ווייל ער האט געוואלט צו זען אויב אויך אין גלות וועלן אידן פירן זיך ווי עס דארף צו זיין. ער האט אויך געוואלט אז מיר זאלן פארשפרייטן דעם נאמען פון ה'.

דעם זונטיג הויבן זיך אן די דריי וואכן. וואכן פון צרות פאר אידן, און פון חורבן פון אונזער בית המקדש. די זעלבע דריי וואכן זיינען די בעסטע געלעגנהייט צו מאכן די צייט א צייט פון גאולה. דער רבי האט אונז געהייסן לערנען אין די דריי וואכן הלכות בית הבחירה – די הלכות פון דעם בית המקדש. דורך דעם וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו זיין אין דעם בית המקדש ווען דער רבי וועט אונז פירן קיין ירושלים!

## משיח נאו!



יעצט אין די צייט פון די דריי וואכן האט דער רבי געבעטן לערנען הלכות וועגן די בית המקדש פון דעם רמב"ם. דא זיינען פאראן 6 הלכות פון דער בית המקדש. איר קענט לערנען איין יעדן טאג פון זונטיק י"ז תמוז - ביז נעקסטע פרייטיק, ווען מיר וועלן אי"ה האבן די נעקסטע הלכות..

א. עס איז א מצוה צו בויען א שטוב פאר ה'
ב. נאכדעם וואס א מקדש איז געבויט, מעג מען ניט ברענגען קרבנות אין אן אנדער פלאץ.
ג. עס זיינען געווען דריי חלקים פון דעם בית המקדש - די קדש, קדש קדשים און די אולם.
ד. מען האט ניט געמעגט בויען די בית המקדש ביינאכט.
ה. דער מזבח איז געבויט געווארן אן טרעפ, נאר מיט א כבש.
ו. אלע כלים וואס מען האט גענוצט אין בית המקדש האבן געדארפט זיין געמאכט ספעציעל פאר דעם בית המקדש. מען האט ניט געקענט נוצן עפעס וואס איז פריער גענוצט געווארן אויף עפעס אנדערש

*לאמיר בעטן ביים אויבערשטן אז אין זכות פון אונזער לערנען זאלן מיר טאקע האבן די בית המקדש בפועל ממש!!*

## פרשת פנחס

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת פנחס

### מצות נחלות

אין היינטיקער פרשה זאגט אן די תורה די מצוה פון "נחלות", די הלכות און דינים פון "ירושה".

און דא שטעלט זיך דער גרויסער וואונדער ביי אידישע קינדער:

אלע ווייסן דאך אז משיח קומט "נאו", און זיכער וועלן אלע אידן זוכה זיין צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, אויך זייערע עלטערן און זיידעס וועלכע האבן זיי אויפגעהאדעוועט און מחנך געווען ווי דער אויבערשטער וויל: און וויבאלד נאך ביאת המשיח וועלן אלע זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים טובות, ביז צו אייביקן לעבן, געזונטערהייט און פריילעכערהייט - איז דאך דאס א צייט ווען די אלע הלכות פון ירושה זיינען אינגאנצן ניט שייך, ווייל אלע וועלן דאך לעבן מיט חיים נצחיים (אייביקע לעבן).

און נאך עפעס - פרעגט א אידיש קינד: איך בין דאך פאר בר מצוה (אדער בת מצוה), פארוואס לערנט מען מיט מיר הלכות נחלות? וואס פאר א שייכות האבן קליינע קינדער מיט אזעלכע ענינים?

איז דער ענטפער אויף דעם:

אין צוגאב צו דעם ענין פון "ירושה" אין פשוט'ן זין, וואס א קינד ירש'נט די עלטערן נאך הונדערט און צוואנציק יאר, איז אויך פאראן דער ענין פון "ירושה" אויף א רוחניות'דיקן אופן, וואס דאס איז פאראן ביי יעדן אידן שטענדיק (און די עלטערן און אור עלטערן זאלן האבן אריכות ימים ושנים טובות!). עס איז פאראן א רוחניות'דיקע ירושה וואס קינדער ירש'נען פון די אבות און אמהות פון כלל ישראל - אברהם יצחק און יעקב, שרה רבקה רחל און לאה.

יעדער אידיש קינד, אין אלע צייטן און אלע ערטער, דארף וויסן, אז עס איז זיי געגעבן געווארן די טייערסטע און חשוב'סטע "ירושה" - "**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**": די גאנצע תורה און אלע אירע מצוות, וואס משה רבינו האט געלערנט מיט אידן, איז געגעבן געווארן אלס ירושה צו יעדן איינעם וואס געהערט צו "קהלת יעקב", דער זון פון יצחק און אייניקל פון אברהם, וואס אויף אברהם'ען שטייט: **עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור מצותי חוקותי ותורתי** (ווייל אברהם האט זיך צוגעהערט אין מיין שטימע און געהיט מיינע מצוות חוקים און תורות), און אזוי האבן זיך געפירט זייערע פרויען - שרה רבקה רחל און לאה.

*(המשך אין עמוד 2)*

# דערציילט מיר א מעשה

ווען דער פריערדיקער רבי - ר׳ יוסף יצחק – איז געווען נאר 11 יאר אלט, האט ער זיך שוין פארנומען מיט גמילות חסדים. ער האט באקומען געלט פון זיין טאטע פאר לערנען משניות בעל פה. די געלט האט ער גענוצט צו בארגן צו מענטשן וואס האבן געדארפט.

איינמאל, ווען ער איז געגאנגען אין מארק צו זען ווער דארף געלט, האט ער געזען ר׳ דוד, אן ארימער איד פון שטעטל. ר׳ דוד האט געהאלטן א קעלבל אויף זיינע פלייצעס. פלוצלונג איז געקומען א גוי׳שע פאליציי מאן און האט געשלאגן ר׳ דוד "גנב!!" האט דער פאליציי מאן געשריען. ער האט געשלאגן ר׳ דוד ביז בלוט האט גערונען פון זיין נאז, און ער האט אוועקגענומען זיין קעלבלע. יוסף יצחק, א קליינע קינד פון 11 יאר, האט דאס ניט געקענט ליידן. ער האט א שטופ געטאן דעם גוישע פאליציי מאן.

די פאליציי מאן איז געווארן אינגאנצן אויפגערעגט. "ווי קענסטו שטופן א פאליציי מאן? יעצט וועסטו גיין אין תפיסה", האט ער געזאגט.

ער האט געשלעפט דעם קליינעם אינגל יוסף יצחק, און האט אים אריינגעשטופט אין א טונקעלע צימער אין תפיסה.

דער פריערדיקע רבי שרייבט אויף דעם "אין אנהויב האב איך זייער מורא געהאט און איך האב געטראכט צו זיך 'זאל איך זאגן עננו - א תפילה וואס מען זאגט ווען מען איז א שלעכטע מצב?' ביז איך האב באשלאסן אז פארקערט - היינט איז פאר מיר ניט א שלעכטע טאג, נאר א גרויסע יום טוב ווייל איך האב זוכה געווען צו זיצן אין תפיסה צוליב העלפן נאך א איד." ער האט גע׳חזר׳ט בעל פה די משניות וואס ער האט געוואוסט.

פלוצלונג האט ער געהערט קולות פון די צווייטע זייט פון צימער. ער האט מורא געהאט און ער האט ארויסגענומען שוועבלאך וואס ער האט געהאט מיט זיך, צו זען וואס זיינען די קולות. וואס ער האט געזען האט אים פון איין זייט בארואיגט, און פון צווייטע זייט זייער אומעטיק געמאכט. ער האט דארט געזען א פארבונדענע קעלבלע.

יוסף יצחק האט ניט געהאט אסאך צייט טראכטן אויף דעם, ווייל ער האט גלייך געהערט פוסטריט וואס האבן געקומען צו זיין צימער. א פאליציי מאן איז געקומען און האט געזאגט "אנשולדיק אינגל, איך האב ניט געוואוסט ווער דו ביסט, אז דיין פעטער איז דער הייליקער רז"א –דער רבי רש"ב׳ס ברודער– קום יעצט צו דעם משפט און מען וועט דיר באלד לאזן אהיים גיין."

ביים משפט איז געווען דער אפיסער וואס ער האט גישלאגן אין מארק. דער אפיסער האט געשריען "דער איד דוד האט געגנב׳ט א קעלבעלע וואס מיין ברודער האט פארקויפט צו אן אנדער איד מאיר. איך האב געוואלט אוועקנעמן די גע׳גנב׳טע קעלבל און דער קליינע אינגל האט זיך אריינגעמישט." נאך איינער איז אויפגעשטאנען און האט געזאגט, "דער אפיסער זאגט ליגנט. איך האב אליין געזען ווי דוד האט געקויפט דעם קעלבל."

פלוצלונג איז אריינגעקומען איינער וואס ער האט געגעבן דעם ריכטער א צעטל. "לאז דער אינגל גלייך אהיים גיין." דאס איז געווען א צעטל פון איינער וואס האט געארבעט פאר דער רז"א. דער ריכטער האט מסכים געווען און דער מענטש האט גלייך אהיים גענומען יוסף יצחק.

אויפן וועג אהיים האט יוסף יצחק דערציילט פאר דער מענטש וועגן דעם קעלבל אין זיין צימער אין תפיסה.

דער מענטש איז געגאנגען צוריק צום בית דין און האט זיי דערציילט וועגן דעם. מען האט פארשטאנען אז דער גוישע אפיסער האט דארט געלייגט דעם קעלבל וואס האט באלאנגט צו מאיר און האט געזאגט אז דוד האט דאס געטאן. דער אפיסער איז גלייך באשטראפט געווארן.

ווען יוסף יצחק׳ס טאטע - דער רבי רש"ב – האט געהערט די מעשה האט ער געזאגט פאר זיין זון, "עס איז געווען כדאי פאר דיר צו זיצן אין תפיסה צוליב העלפן נאך א איד. און ב"ה דו האסט געוואוסט משניות בעל פה וואס דו האסט געקענט חזר׳ן אין תפיסה."

דער רבי רש"ב איז געווען זייער צופרידן פון זיין זון און האט אים געגעבן נאך 10 רובל בכדי ווייטער טאן אין זיינע גמילות חסדים.

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

און דאס איז די הוראה וואס מען לערנט פון הלכות נחלות:

יעדער אידיש קינד וואס געהערט צו "צבאות השם" דארף שטענדיק געדענקן די גרויסע ירושה וואס ער האט באקומען פון די אבות און אמהות, ובמילא וועט ער "היטן" די ירושה און זיך באנוצן מיט איר אויף א פאסיקן אופן.

און צוזאמען מיט דער "ירושה"

באקומט מען אלע ברכות פון אויבערשטן, געזונט בגשמיות און געזונט ברוחנית, און הצלחה רבה אין עבודת ה׳ ווי עס פאסט פאר "צבאות השם".

*(פון דער ר׳ רעדט צו קינדער - שיחת י"ב אדר תשמ"ה)*

# דעם חסידישן לוח

## י"ז תמוז



י"ז תמוז איז געווען א שווערע טאג אין די צייט פון משה רבינו. דעם טאג האט משה צובראכן די לוחות.

אין צייט פון דעם ערשטן בית המקדש איז י"ז תמוז געווען דער ערשטע טאג וואס אידן האבן אויפגעהערט ברענגען דעם קרבן תמיד וואס מען האט געברענגט יעדן טאג. דאס איז געווען אן אנהויב פון די חורבן פון דעם ערשטן בית המקדש.

אין צייט פון די צווייטע בית המקדש, האבן רוימישע סאלדאטן צובראכן די ווענט ארום ירושלים. א גוישע אפיסער האט אויך פארברענט א ספר תורה אויף דעם טאג, און די גויים האבן אריינגעלייגט אן עבודה זרה אין בית המקדש!!

קינדער, מיר מוזן ארבעטן צו בייטן דעם טאג. מיר מוזן האבן מער אהבת ישראל און פארשטארקן אונזער דאווענען און תורה און מצוות בכלל און מאכן דעם טאג א צופרידענעם טאג דורך ברענגען משיח נאו!!

## י"ט תמוז

י"ט תמוז איז דער יום הולדת פון דער רז"א - ר׳ זלמן אהרן - דער ברודער פון דעם רבי׳ן רש"ב.

ווען זיין מאמע רביצין רבקה האט געטראגט דער רז"א האט איר דער צמח צדק געזאגט אז זי האלט "א געהויבענעם אינגל". אין זיין לעבן האט מען געזען ווי ריכטיג דאס איז געווען.

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ' תמוז, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת פנחס

א. וואס איז געשען י"ז תמוז אין צייט פון משה רבינו? ____________________

____________________

ב. וואס איז געשען י"ז תמוז אין צייט פון דעם ערשטן בית המקדש? ____________________

____________________

ג. וואס האבן די רוימישע סאלדאטן געטאן י"ז תמוז אין צייט פון דעם צווייטן בית המקדש? ____________________

ד. ווער איז געבארן געווארן י"ט תמוז? ____________________

ה. ווער זיינען געווען זיינע עלטערן? ____________________ און ____________________

ו. ווער איז געווען זיין ברודער? ____________________

ז. וואס האט מען געמאכט בכדי ארויפגיין אויפן מזבח? ____________________

ח. וואס זיינען די דריי פלעצער אין בית המקדש? א. ____________________ ב. ____________________ ג. ____________________

ט. ווען האט מען געדארפט בויען דעם בית המקדש? ____________________

י. וואס קענסטו טאן צו בייטן י"ז תמוז צו א גוטן טאג? ____________________

____________________

**דער געווינער פון פרשת בלק: מנחם מענדל ווייס, 10**

נאמען: ____________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ____________________

אי-מייעל: ____________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org